ג. דער ערשטער וואס ווערט אנגערופן בכתוב בשם נזיר, איז דאך דאס ווי ער זאגט "ולקדקד נזיר אחיו", אז דאס גייט אויף יוסף הצדיק, וואס בזמנו איז ער געווען "המשביר בר לכל הארץ",

דעמאלט איז דאך פאר מ"ת נאך ניט געווען אין הלכה דער חילוק צווישן בנ"י מיט די וואס זיינען ניט בנ"י, ס'איז אבער געווען דער חילוק, אט די וואס זיינען מקיים שבע מצות ב"נ, און די וואס זיינען זיי ניט מקיים -

איז געווען דער אויפטו פון יוסף הצדיק "משביר בר לכל הארץ", אן קיין אונטערשייד האט ער אלעמען געגעבן וויבאלד אז דאס איז געווען שבע שני הרעב, וואס דערפאר האט מען גערארפט אנקומען צו א עזר, און דער עזר האט ער געגעבן ווי ער זאגט אין מדרש אז "טוב עין הוא יברך" און "יבורך" - די ביידע פשטים אין דעם - וואס דאס איז געווען יוסף בשעתו.

און אט דאס איז דער ערשטער ענין, וואס אויף אים ווערט געבראכט "ולקדקד נזיר אחיו", ווי רש"י ברייננגט אויבעט אראפ, אז ער האט געפראוועט נזירות במשך כמה שנים.

מפני מצב הפרטי דארף איך דאך אנהייבען מיט א סיום, [האב איך] אויבעט אויסגעקליבען דעם מסכת נזיר מיט דער סיום אויף מס' נזיר.

וואס די לעצטע משנה הויבט זיך אן אז נזיר הי' שמואל הנביא כדברי ר' נהוראי שנא' ומורה לא יעלה על ראשו.

פון וואנעט איז די ראי' אז שמואל איז געווען א נזיר, וויבאלד אז עס שטייט "ומורה לא יעלה על ראשו", און ביי שמשון'ן שטייט ווי דער משנה איז ממשיך: נאמר בשמשון ומורה ונאמר בשמואל ומורה.

אז ביי שמשון'ן איז דאס געווען ווי ס'שטייט "נזיר אלקים יהי' הנער", און דאס לערנט מען אויכעט אפ, אז דער מורה וואס שטייט ביי שמואל'ן, איז דאס צו באווייזן אז מורה לא יעלה על ראשו, אז ער איז געווען אויכעט א נזיר.

א"ר יוסי והלא אין מורה אלא של בשר ודם ,האט ר' יוסי אפגעפרעגט אז דאס וואס ס'שטייט מורה ביי שמואל, מיינט דאס מורה פון בשר ודם.

א"ל רבי נהוראי והלא כבר נאמר ויאמר שמואל איך אלך ושמע שאול והרגני שכבר הי' עליו מורא של בשר ודם, ר' נהוראי האט אים אויף דערויף געענטפערט אז מען קאן ניט זאגן אז שמואל האט ניט געהאט קיין מורא בו"ד ווייל עס שטייט "ושמע שאול והרגני" איז דאך א ראי' אז ער האט יע מורא געהאט פאר בשו"ד.

וואלט מען דאך געקאנט מיינען אז ר' יוסי האט אנגענומען דעם ענטפער און ער האט מודה געווען צו ר' נהוראי, זיינען אבער מפורש מפרשים אז אעפ"כ איז ר' יוסי געבליבן בדעתו, נאר וואס דען הלכה איז - ווי דער רמב"ם ברייגגט אראפ אין פי' המשניות גלייך אויפן ארט - ווי ר' נהוראי, וואס פון דעם לשון גופא איז פארשטאנדיק אז ס'איז א פלוגתא און דער דין בלייבט ווי ר' נהוראי אז שמואל איז געווען א נזיר.

כדרך רובא דרובא אין ש"ס, איז אויכעט אויף דער משנה דא דער גמ', אבער אומעטום איז די גמ' האט א קישור ישר - א פארבינדונג מיט דער משנה וואס מען זעט דאס גלייך אויפן ערשטן בליק אז מ'איז מפורש דער משנה, א קשיא אין דער משנה א תירוץ אין דער משנה, א ביאור אין דער משנה, און אט דא הייבט זיך אן די גמ': א"ל רב לחייא ברי' חטוף ובריך, אז א אמורא האט געזאגט צו זיין זון אז ער זאל כאפן זאגן דער ברכה - ברהמ"ז וכיו"ב דערפאר וועט ער האבן א גרויסע שכר, און דערנאך ברייגגט מען פון א צווייטען אמורא אז ער האט אזוי געזאגט.

פרעגט די גמ' אויף דערויף, אויב אזוי קומט דאך אוים אז ער האט אים געזאגט אז ער זאל כאפן זיין דער מברך, ווען אן אנדערע וואלט געמאכט דער ברכה וואלט ער דאך געענטפערט אמן, וויבאלד אז ער האט אים געזאגט "חטוף ובריך" אז ער זאל כאפן דער ברכה, איז דאך דער משמעות אז דער מברך איז גרעסער פון דער עונה אמן, און פרעגט אויף דערויף די קשיא "והתניא רבי יוסי אומר גדול העונה אמן יותר מן המברך".

און אויף דערויף זאגט מען נאך מערער, אז ניט נאר ר' יוסי זאגט אזוי, נאר אמר לי' ר' נהוראי השמים - אז גיט נאך א שבועה אויף דעם אז גדול העונה אמן יותר מן המברך ווארום אזוי זעט מען במלחמה אויכעט, אז גולייירין מתגרין, אז הייבן מען אן די מלחמה מיט ארויס שיקן די שוואכע - די חלשים, און די גבורים זיינען מנצחים, בשעת מען דארף מנצח זיין די מלחמה פארפעסטיקען די נצחון, אט דעמאלסט גייען ערשט ארויס די גבורים, איז דאך דערפון גופא א ראי' אז וויבאלד אז סיום המלחמה זיינען דאס גרעסערע מענטשען איז דאך א סימן אז אויך דער שכר קומט דעמאלט אויכעט - עד"ז איז אויכעט אין א ברכה, איז דאך דא דער התחלה המשכת הברכה וואס דאס טוט אויף דער מברך, דערנאך איז דא דער העונה אמן

וואס ער פארפעסטיגט - וואס דאס איז דאך דער פירוש הפשוט אין אמן אז דאס בלייבט אזוי אמן ואמת ואמונה -.

קומט דאך אויס אז סיי ר' יוסי און סיי ר' נהוראי זאגןביידע אז "גדול העונה אמן יותר מן המברך", היינט ווי זאגט רב צו חייא בר' און דער צווייטער אמורא אז "חטוף ובריך"?

פארענטפערט אויף דערויף דער גמ' "תנאי", אז ס'דא אויף דערויף א פלוגתא, און ברייננגט אראפ א ברייתא "אחד המברך ואחד העונה אמן במשמע אלא שממהרין למברך תחלה".

דערנאך ברייננגט אראפ די גמ', "אמר רבי אלעזר א"ר חנינא תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם שנאמר וכל בניך למודי ה' ורב שלום בניך", וואס דערמיט ענדיגט זיך די גמרא מיט די מסכתא.

וואס לכאו' איז דאס אין גאנצען ניט פארשטאנדיק, וואס האט דאס א שייכות צו דער משנה, און וואס האט דאס א שייכות צו מסכתא נזיר, דאס איז א ענין וואס האט א שייכות אין מסכתא ברכות, וועגען אמירת אמן, און ס'איז טאקע דא דער סוגיא אין מס' ברכות, וואס דארטן ווערט זי געבראכט בנוגע צו דיני ברכות.

מ'פארענטפערט אויף דעם, אז אזוי ווי ר' נהוראי איז דא זייער ווינציק מאל געבראכט אין ש"ס, אין סוף מס' קדושין און אויך אין דער משנה פון נזיר, ברייננגט אראפ דערנאך א ענין וואו עס ווערט געבראכט ר' נהוראי'ס א דעה, ובפרט נאך אז אין דעם ענין איז געבראכט סיי ר' נהוראי און סיי ר' יוסי, פונקט ווי זיי ווערן געבראכט אין דער משנה.

וואס ס'איז דאך פארשטאנדיק אז אין דרך הרמז אדער הסוד האט דאס אן ארט, פארענטפערן אין פשטות הלימוד פון משנה אדער גמ', אז וויבאלד אז דאס איז דער זעלבער נעמען פון די וועלכע האבען געזאגט אין דערויף א דעה, איז דערפאר ברייננגט מען אראפ, אע"פ אז לכאו' האבען קיין שייכות ניט די הלכות ביניהם, איז דאס א דוחק גדול לפרש כן.

אט אזוי אויכעט, בשעת דערנאך איז נאך דערויף איז דער גמ' מסיים אז א"ר אלעזר א"ר חנינא תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם, פרעגט מען אויך דער קשיא וואס האט דאס אהערצו א שייכות, דאס איז דאך שוין ניט שייכות צו ר' יוסי מיט ר' נהוראי, און די גמ' ברייננגט דאס אראפ אין סוף מס' ברכות און נדה, און אנדערע מס', און מ'קאן ניט זאגען אז דאס ברייננגט דער גמ' ווי אין אן אנדער ארט - כדי לסיים בדבר טוב, אז סיי ווי סיי איז ער מסיים מיט א דבר טוב, און אויך ווי תוס' זאגט אז מ'דארף מסיים זיין מיט א דבר אגדה, איז דא איז דאך סיי ווי סיי מסיים מיט א דבר אגדה, וואס ס'רעדט זיך וועגן ברכה ואמירת אמן.

וואס דאס איז פשוט א קשיא וואס ווארפט זיך גלייך אין אויבן אויף בנוגע צו שטחיות השייכות פון דער גמ' מיט דער משנה, און פון דער גמרא'ס סיום המס' מיט דעם ענין נזיר בכלל.

דערנאך איז דא אין דערויף וואס מ'זעט נאך חילוקים, אז אין דער משנה אז מ'ברייננגט ר' יוסי מיט ר' נהוראי זיינען זיי אין א פלוגתא, אט וואס דער גמ' ברייננגט אראפ אז גדול העונה אמן יותר מן המברך, איז לכאו' איז סיי ר' יוסי סיי ר' נהוראי האלטן די זעלבע דעה.

אויך איז ניט פארשטאנדיק וואס אמר ר' נהוראי **השמים**, אז ער דארף ברייגגען בשבועה אז גדול העונה אמן יותר מן המברך, ר' יוסי האט געזאגט קאלט בלוטיג, ר' נהוראי באגנוגענט זיך ניט דערמיט וואס גדול העונה אמן - סתם, נאר ער זאגט אז **השמים** אז דאס איז אזוי בשבועה, און דאס איז אים נאך וויניק קאן זיין אז דאס אים נאך ניט גענוג די ראיות - ברייגגט ער א ראי' אז אזוי איז במלחמה אז "גולירים מתגרין וגבורים נוצחין".

וועט מען דאס פארשטיין בהקדים אט-דאס וואס ס'דא כמה קושיות אויף עצם ענין המשנה, אפי' אן די גמ'.

וואס דער משנה הייבט זיך אן אז "נזיר הי' שמואל" און מען לערנט דאס אפ פון דעם וואס ביי אים שטייט "ומורה (לא יעלה על ראשו)", און אזוי שטייט אויכעט ביי שמשון'ן, אויב אזוי וואלט דאך לכאו' געדארפט אויסקומען, אז די זעלבע ענין פון נזירות ווי ס'איז געווען ביי שמשון'ן, אט אזוי איז דער ענין הנזירות ביי שמואל הנביא.

און אין די מסכת בהתחלתה - אין התחלת מסכת נזיר - זאגט ער גלייך אז "מה בין נזיר עולם לנזיר" און אויך לנזיר שמשון, אז ס'איז דא כמה חלוקות, און איינער פון די הויפט חילוקים וואס ס'איז נוגע בדין בפועל, אז נזיר שמשון איז ער מותר ליטמא למתים, משא"כ נזיר סתם און אזוי אויכעט נזיר עולם בכלל זה, איז אויכעט ביי אים דער עיקר טומאה למתים.

אויף אזוי פיל, אז אפילו אויב ער האט בפירוש אויסגענומען א תנאי, אז "הריני" מערניט ווי נזיר אויף יין, און וויל ניט האבן דעם איסור פון ליטמא למתים, איז ווערט ער ממילא א נזיר - אין נזירות לחצאין - איז ווערט ער א נזיר אפילו ליטמא למתים.

אויב ער זאגט אבער אז ער איז א נזיר שמשון, דארף ער ניט אויסנעמען קיין תנאים, און ער טאר ניט טרינקען קיין וויין, און מעג זיך מטמא זיין למתים אפילו לכתחלה.

דערפון קומט מען נאך צו א גרעסערער קשיא וואס דער רד"ק און כמה מפרשים פרעגען, אז וואס איז דאס פאר א ענין - בכלל - דער ענין פון נזירות שמשון און דער ענין פון נזירות שמואל?

אין א נזיר איז דא צוויי גדרים, אדער ער אליין נעמט אויף זיך ער זאל זיין א נזיר, און דערנאך איז דא ווי דער גמרא זאגט: הלכה אב מדיר את בנו בנזיר, ס'איז א הלכה למשה מסיני - וואס דערפון גופא איז א הוכחה אז אין פסוק שטייט דאס ניט בפירוש - אז א אב קאן מדיר זיין את בנו, נעמען אויף זיין זון ווען ער וועט געבארען ווערן, וועט ער ווערן א נזיר.

מ'קאן ניט זאגן אז אין נזירות שמשון, צי אין נזירות שמואל, איז געווען וואס זיי אליין האבן אויף זיך גענומען, ס'ווערט דערפון ניט דערציילט אין תנ"ך, ס'ווערט אבער דערציילט ווי ס'איז יא געווארן דער ענין פון נזירות, אז ביי נזירות שמואל איז דאס געווען דורך דערויף וואס "ותדור נדר", וואס חנה האט גענומען אויף זיך א נדר, און ס'איז א הלכה אז אין האם מדירה את בנה בנזיר.

עד"ז ביי נזירות שמשון, איז זעט מען אז דער מלאך האט גערעדט מיט אשת מנוח, [וועגען] מנוח'ן אליין איז א פלא, מנוח האט בפירוש געפרעגט ביים מלאך ער זאל אים זאגן דער "משפט הנער אשר יולד", און דער מלאך האט אים געזאגט ווי עס



הנחה פרטית בלתי מוגה

דארף זיך פירן אשת מנוח, און האט אים ניט געענטפערט אויפן שאלה ווי שמשון וועט זיך דארפן פירן אז "נזיר אלקים יהי' הנער", דאס האט ער געזאגט מערניט ווי צו אם שמשון?

וכאמור לעיל, די בעסטע ראי' אז סיי ביי מנוח און סיי ביי שמואל'ן איז דאס ניט געווען מצד דערויף וואס דער אב האט מדיר געווען: אויב אזוי וואלט די גמ' ניט געזאגט אז דאס איז א' הלכה, וואס דער פירוש איז הלכה למשה מסיני, אויב ס'איז א סיפור מפורש אין תנ"ך אז מנוח אדער אלקנה האבן מדיר געווען את בנם בנזיר.

ס'זיינען דא אזוינע וואס ווילן פארענטפערן בנוגע צו שמואל'ן, אז ווי אזוי איז ער געווארן א נזיר, אז וויבאלד אז חנה האט "ותדור נדר", איז מסתמא האט זי דאס געזאגט אין א אופן אז דאס זאל זיין א נדר קיים, ווי אזוי קאן א אשה וויסן אז נדרה קיים? אויב דער בעל איז דאס מקיים, האט זי דאס מסתמא געזאגט ווען אלקנה איז דערביי געווען און אלקנה האט איר ניט מפר געווען, ממילא קומט דאך אויס אז דאס איז געווען "האב מדיר את בנו".

איז ווי דער רד"ק זאגט אויף דעם אז ס'איז ניטא קיין רמז אויף דעם, און ס'איז ניטא קיין ראיות אויף דעם און ס'קאן ניט זיין - זאגט דער רד"ק - אז דער **עיקר** זאל אין פסוק ניט שטיין, ד.ה. (לויט דעם פירוש) אז שמואל איז געווארן א נזיר דערפאר וואס אלקנה האט געזאגט, - דאס וועט **ניט** שטייען אין פסוק.

און דעם טפל - אט דאס וואס חנה האט ותדור נדר - דאס וועט יא שטייען אין פסוק.

- און [דער רד"ק] בלייבט ביי א צ"ע ווי קומט דער ענין פון נזירות שמואל.

בנוגע צו נזירות שמשון שרייבט דער רמב"ם, אז ניט אז שמשון איז געווען א נזיר גמור, נאר וואס דען - המלאך הפרישו מטומאה - דער מלאך האט אים מפריש געווען פון טומאה, און ווי רש"י זאגט אין נזיר בנוגע צו נזירות שמשון, אז דאס איז ניט אט די נזירות וואס שטייט סתם אין חומש, נאר נזיר איז דער טייטש פרוש, ווי אין לשון הרמב"ם - הפרישו מטומאה, במילא איז דאס א ספעציעלער ענין אין נזירות, וואס דערפאר זאגט ער אין ירושלמי אז נזירות שמשון איז דאס ניט נזירות תורה, נאר דאס איז נזירות הלכה.

- דאס איז א ספעציעלע הלכה וואס מען ווייס דאס פון דעם סיפור אין תנ"ך, אז דער מלאך האט אויף אים ארויף געלייגט א הנהגה מיוחדת, דאס איז אבער ניט נזיר גמור ווי דער רמב"ם שרייבט, אדער ווי מפרשים זאגן, אז דאס איז ניט א ענין של נזירות, נאר דאס איז א ענין פון א דין והנהגה וואס איז געקומען מצד דעם וואס המלאך הפרישו.

וואס עפי"ז ווערט דאך נאך מערער די קשיא, וויבאלד אז דאס וואס ביי שמשון איז מורה לא יעלה על ראשו, און דאס וואס ער האט ניט געטרונקען פון יין, איז דאס ניט געווען א ענין פון נזירות גמורה, היינט ווי לערנט מען אפ דערפון נזירות גמורה פון שמואל'ן?

וואס דערפאר איז מען מפרש אז דאס איז ניט א ענין פון א גז"ש, נאר דאס איז מערניט ווי א גילוי מילתא וואס איז דער טייטש פון "מורה", במילא פון שמשון'ן ווייס מען מערניט, אז "מורא לא יעלה על ראשו" איז דאס דער טייטש אז ער דארף זיך ניט שרעקן, מער גארניט.

ווייבאלד אז ביי שמואל'ן איז ניט געווען א מעשה מיט א מלאך, נאר "ותדר נדר", קיין אנדערע ענין געפינט מען ניט אויף אים, און דער דין ביי נזיר איז דאך, אז אויב אפי' ער זאגט מערניט ווי תגלחת - מערניט ווי "מורה לא יעלה על ראשו", ווערט ער מחוייב אין אלע דריי ענינים: תגלחת, יין, און אין טומאה למתים, וואס אזוי איז אויך געווען ביי שמואל'ן.

ס'בלייבט נאך אבער אלץ די קשיא, פון וואנעט איז דאס צו שמואל'ן געקומען, ווייבאלד אז אין האם מדירה את בנה בנזיר?

ס'דא אזוינע וואס ווילן דאס פארבינדן, אז אזוי ווי דער רמב"ם שרייבט און פסק'נט אז "יראה לי", אז אזוי איז דאך א דבר שלא בא לעולם קאן מען דערמיט גארניט ניט טאן, אין אדם מקנה, בנוגע אבער [אויב] ער איז מקדיש א דבר שלא בא לעולם, אט דעמאלסט שרייבט דער רמב"ם, אז הקדש איז דאס ניט דערפאר וואס אזוי ווי אין אדם מקנה, אזוי איז אין אדם מקדיש, אבער "יראה לי" אז דאס איז א ענין פון א נדר, און מצד דערויף וואס לא יחל דברו, ווייבאלד אז ער האט געזאגט אז כשיבא הדבר לידו, אדער כשיבא הדבר לעולם, אט דעמאלט וועט ער אים מקדיש זיין, איז דאס ניט ווי א ענין של הקדש, אבער א ענין של נדר.

און ברייננגט דער ראי' אויף דערויף, אזוי איז אויך געווען ביי יעקב'ן וואס ער האט געזאגט אז "כל אשר תתן לי עשר אעשרנו לך", וואס דעמאלט האט דאס נאך יעקב ניט געהאט איז דאך דאס א דבר שלא בא לידו, איז אמת טאקע אז מצד דער ענין פון הקדש איז לא הקדיש, אבער מצד דעם ענין פון נדר האט ער געהאט אויף זיך א חיוב נדר, וואס דערפאר ברייננגט ער דערנאך אויך דער לשון ביי יעקב'ן אז ס'איז געווען א ענין של נדר.

עד"ז איז אויך געווען ביי חנה, וואס "ותדר נדר" - זי האט געזאגט אז בשעת עס וועט געבארן ווערן א זון "ונתתיהו לה'", איז אמת טאקע, מדיר זיין אים בנזיר קאן זי אים ניט דערפאר וואס דאס געהערט ניט צו דער אם, [אבער] מצד דעם ענין פון לא יחל דברו האט דאס חנה געדארפט טאן.

ס'בלייבט אבער דערביי די קשיא, דאס וואס חנה דארף טאן [איז] אז זי דארף אים געבן לה', [אבער] דערפאר קומט דאך ניט אראפ א איסור אויף שמואל'ן אז ער טאר ניט טרינקען קיין וויין, און טאר זיך ניט מטמא זיין למתים, און טאר ניט שערן די האר?

דא איז ניט דער קשיא וואס לא בא לידו, דא איז די קשיא וואס אפי' כשנולד שמואל איז דאס אויכעט ניט בידו? ווארום אט דאס וואס א אב קאן מדיר זיין את בנו, איז דאס מערניט ווי הלכה למשה מסיני, ס'יז אבער ניטא קיין ענין אז א אב זאל קאנען ארויפלייגן א נייעם איסור אויפן זון, סיידן דער זון איז אין דערויף מחוייב מצד א ציווי מן התורה, אבער מחדש זיין א איסור אז דער זון זאל ניט קאנען טרינקען יין דערפאר וואס דער פאטער וויל אזוי, איז לולא הלכה למשה מסיני האט דאס קיין ארט ניט אין תורה, או דער הלכה למשה מסיני איז מערניט ווי אויפן אב ניט אויפן אם.

במילא אט דאס וואס חנה האט געזאגט "ותדר נדר", האט זי געדארפט מקיים זיין את התלוי בה - וואס הענגט אפ אין איר "ונתתיהו לה'" אז זי האט אים געדארפט ברייננגען אין שילה, דאס איז א זאך וואס הענגט אפ אן איר, אט דאס אבער אז שמואל זאל כל ימיו ניט טארן טרינקען קיין יין - נזיר עולם הי' שמואל, דאס איז א זאך וואס לאחר שנולד שמואל איז דאס אויך ניט בידה של חנה.



הנחה פרטית בלתי מוגה

וכאמור אין רד"ק, אז מ'קאן ניט זאגן אז אלקנה האט דאס דערנאך איבער גע'חזר'ט, ווייל אויב אזוי וואלט דאס געדארפט שטייען ערגעץ וואו א רמז, וויבאלד אז דאס איז דער עיקר - קומט אויס אז דער טפל שטייט באריכות גדולה.

אט דאס וואס מען געפינט אין תנ"ך וואס אלקנה האט געטאן, איז מערניט [וואס] ער האט מסכים געווען אז מ'זאל אפגעבן דעם קינד אין שילה, אבער אויף ווייטער ניט, און אט דאס וואס ער איז מסכים אויף חנה'ס א נדר, הייסט דאך דאס ניט אז ער מאכט שמואל פאר א נזיר, וכאמור, אז דאס איז דער גדר פון נדר, און דאס איז א גדר פון הקדש, וואס א נזיר איז דאך "קדוש יהי' גדל פרע שער ראשו".

אט דאס וואס מען קאן זאגן בהסברת הדבר, איז דאס וואס מען געפינט אויף דערויף א דוגמא בא א גר קטן, וואס דעמאלט איז דער דין אז מגיירין אותו על דעת אמו ועל דעת ב"ד, וכשגדל אט דעמאלסט איז יש בידו למחות.

אויב ער האט ניט מוחה געווען, איז אט דעמאלט דארף מען ניט האבן ער זאל בפירוש מקבל זיין אויף זיך, אט דעמאלט איז געגוג אט דאס וואס מען האט אים מגייר געווען מלכתחלה - ע"ד אמו אדער ע"ד ב"ד.

בנוגע צו שמשון'ן, איז דאך ווי דער רמב"ם זאגט אז דער מלאך הפרישו מטומאה, מ'געפינט אבער ניט קיין הלכה אז א מלאך זאל קאנען מדיר זיין א בן אדם, איז לדעת הפוסקים אז ביי שמשון'ן איז בכלל ניט געווען דער ענין פון נזיר וואס ע"פ תורה, מערניט ווי א ענין של דין, איז אט דעמאלט איז קיין קושיא ניט, א מלאך האט געהאט א ציווי האט ער אים איבערגעגעבן צו שמשון, איז פונקט אזוי ווי מ'דארף מקיים זיין אלע ציוויים, דארף מען מקיים זיין דעם ציווי אויכעט.

לויט ווי דער רמב"ם שרייבט אבער, אז שמשון איז ניט געווען קיין נזיר גמור, איז דאך א סימן אז א נזיר קצת איז ער יא געווען, שלא כדעת רש"י, וואס רש"י טייטשט "נזיר אלקים" אז דאס איז ניט א ענין פון נזירות, נאר דא איז דער טייטש נזיר כלשון להפריש אז פרוש הי', איז בלייבט דא די קשיא וואו האט דאס א ארט אין דין אז מלאך זאל קאנען מאכען א אידן פאר א נזיר, ער קאן אים הייסן פירן זיך מיט דעם הנהגה, אבער ער קאן ניט מאכן קיין אידן פאר א כהן, ער קאן ניט מאכן קיין אידן פאר א נזיר, ער קאן ניט מאכן קיין איסורים חדשים, אט דאס איז אפגעגעבן צו יעדער אידן פאר זיך, ער קאן אים מערניט [ווי] זאגן אז ער זאל אויספירן אט דער און דער הנהגה, אבער ניט מאכן אין אים א מעלה פון קדושה כל זמן דער איד אליין וויל דאס ניט.

איז אין די ביידע ענינים, סיי ביי שמשון'ן לדעת הרמב"ם, וואס ער זאגט אז נזיר גמור ניט אבער קצת נזיר יא, איז דאס א ענין פון קדושה וואס דאס איז דער ענין פון נזירות ניט נאר נדר.

- ובשמואל לדעת כל המפרשים, איז דארט איז דאך דער סדר געווען אז חנה האט געזאגט "ותדר נדר" מיט די אלע פרטים, במילא איז מצדה, האט זי ניט געדארפט געבן שמואל'ן קיין יין, און זי האט ניט געדארפט [אים] שערן די האר, כל זמן אז ער איז געווען ברשותה.

דערנאך בשעת שמואל איז ארויס לרשותו ולא מיחה, איז אט דעמאלט ווערט דאס מלמפרע א ענין של נזירות אדעתי' דשמואל.

ע"ד ווי מען זאגט ביי א גר, אז ניט ער דארף האבן נאכאמאל טבילה און הטפת דם ברית וכו' וכו', ווארום דעמאלט איז ער געווען א קטן, אויב נאר לא מיחה

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

בגדלותו, אט דעמאלט איז חל מלמפרע אט די טבילה מיט די מילה וואס מען האט געמאכט בשעתו.

וואס טוט אויף אבער אט דא דער לא מיחה, זאגט די משנה אז דא טוט אויף דער לא מיחה - א נזיר, אויב עס איז ניט געווען דער לא מיחה, איז געווען מערניט דער ענין פון ונדר, וואס ביי חנה האט ניט געקאנט זיין - אין האם מדירה את בנה, מערניט א ענין פון ותדר נדר אז זי וועט אים ניט געבן קיין וויין, אז זי וויל אים ניט שערן די האר, אז זי וועט באווארענען שלא יטמא למתים, אבער ווי אזוי ער וועט זיך פירן בשעה אז ער גייט ארויס מרשותה, איז ניטא אט דער ענין אין הלכה אז זי קאן דאס טאן, און אפי' אט דאס וואס זי טוט, אלס א נדר, ניט אלס א ענין של נזיר, וואס צווישן נדר און נזיר איז דא כו"כ חילוקים סיי בהלכה, ועאכו"כ אין פנימיות הענינים.

בשעת דערנאך איז שמשון אויסגעוואקסן, און דערנאךאיז שמואל אויסגעוואקסן, -ולא מיחו, אט דאס וואס זיי "לא מיחו" איז דאס ביי זיי נים געווארן א ענין פון נדר - זיי האבן אויף זיך נים גענומען קיין נדר.

נאר וויבאלד אז "לא מיחו" האבן זיי אויף זיך גענומען אט די הנהגה וואס איז געווען ביז דעמולט, אז איצטער זאל דאס זיין אזוי ווי זיי קאנען דאס מאכן,

ווי קאנען זיי מאכן א נדר אן א דיבור בפה אדער עכ"פ א דיבור בלב, ביי מחשבה בלב איז ניטא דער גאנצער גדר פון נדר, און דא איז דאס געווען ביי חנה'ן און ביים מלאך.

מוז מען זאגן אז דארט איז נים דער ענין פון נדר נאר דער ענין פון נזיר. וואס קומט דערפון ארויס, אז אע"פ וואס התחלת הענין איז געווען אז " המלאך הפרישו מטומאה" מערנים וואס עד לייגט אויף אים ארויף א הנהגה.

אע"פ וואס ביי חנה איז געווען "ותדר נדר" מערנים אז זי לייגט ארויף א ענין של נדר, און ווער איז דער נודר - זי, אין דאס וואס היינגט אפ אן איר בנוגע להנהגת שמואל.

בשעה שמואל און שמשון דערנאך "לא מיחו", האבן זיי גארנים געדארפט טראכטן, און האבן גארנישט נים געדארפט זאגן,במילא איז דא גארנים צוגעקומען אין דער ענין הנדר, מערנים דער העדר המחאה אליין - "לא מיחו" - האט דאס אויפגעמאכט א ענין וואס איז תלוי בהם. וואס איז תלוי בהם, נים א ענין של נדר - זיי האבן גארנים געדארפט זאגן - נאר א ענין של נזירות.

און אט דא טוט זיך אויף דער נייעס, אז אע"פ אז דער התחלה איז געווען אין א שוואכערע זאך נים א ענין של קדושה, איז דערנאך איז דער וואס האט דאס ממשיך געווען "ולא מיחה", וואס דא איז דער העדר המחאה הייסט דאס אז ער איז אויף דערויף מסכים, ווערט דעמולט אויפגעטאן דער גדויסער חידוש אז "נזיר הי' שמואל".

ועד"ז איז אויכעט ביי שמשון'ן, אז אמת טאקע המלאך הפרישו מטומאה, אבער דאס איז אלס געווען דער התחלה, דערנאך איז שמשון געווען א נזיר. וואס ס'איז ניטא אזא מין ארט אין תורה אז א מלאך זאל קאנען מאכען א אידן א נזיר, מוז מען זאגן דאס איז דער ענין, וואס בשעת דערנאך איז לא מיחה, וואס העדר המחאה איז דאס אזוי ווי ביי אגר א ענין של הסכם, איז אט דעמולסט ווערט דאס ביי אים א ענין של נזיר.

און אט דאס וואס מען לערנט אפ איינער פון איינער לערנט מען אפ עיקר הענין, אז אע"פ וואס דער התחלה איז נים קיין ענין פון נזירות, איז דערנאך בשעת ער איז אויף דערויף מסכים, ווערט דאס דערנאך א ענין של נזירות.

און אט דאס זוכט דער גמרא וואו איז נאך א דוגמא אחוץקווי אין נזירות? זאגט די גמרא אז ס'דא א מעשה אז אן אמורא האט געזאגט לברי' חטוף ובריך. איז דאך דערפון דער משמעות אז ס'קאן נים זיין אז דער "אמן" - דער הסכמא אויף די ברכה זאל זיין בעסער - גרעסער ווי די ברכה,אדרבה די ברכה איז גרעסער. פארוואס? דערפאר וואס דער אמן איז

מערניט ווי דער הסכמה, און דער עצם ענין וואס טוט זיך אויף, טוט זיך אויף דורך דער מברך. במילא איז חשוב ובריך, פונקט א היפך ווי ס'איז געווען ביי שמשון'ן און שמואל,

זאגט דער גמ' ניין, מיינסטו אז דאס איז א קשיא אויפן משנה, ס'איז א בפירוש'ער ר' יוסי ור' נהוראי, זיי גייען ביידע לשיטתם. ר'נהוראי זאגט אז סיי שמשון און סיי שמואל זיינען געווען נזירים. ר' יוסי זאגט אז מען קאן ניט אפלערנען פון שמשון אז שמשון איז יא געווען א נזיר, און שמואל איז אבער ניט געווען קיין נזיר דערפאר וואס דאס מיינט מורא בשר ודם.

פארוואס האלטן אזוי ר' יוסי און ר' נהוראי, ס'קאן זיין אז דער וואס וועט געבען דער הסכמה זאל דורך דערויף דער זאך ווערן גרעסער. וואו געפינט מען דאס "לשיטתו", ביי "גדול העונה אמן יותר מהמברך".

וואס טוט אויף דער מברך, ער זאגט "ברוך אתה ה"א מלך העולם", ס'איז אבער ניטא אויף דערויף א הסכמה פון נאך איינעם. דערנאך זאגט מען "גדול העונה אמן" ער קאן אויפטאן נאכמערער. וואס קאן ער אויפטאן נאכמעדער, יותר מן המברך. לכאורה ווי קען דאס זיין? אז דער מברך איז געווען דער מתחיל, ער איז מערניט ווי א מסכים אויף די הנהגה - אויף דעם ענין וואס האט זיך אויפגעטאן אין דער ברכה. איז ר' יוסי און ר' נהוראי גייען ביידע לשיטתם, אז אט דער וואס האט מסכים געווען אויף א ענין וואס קדם לזה קאן נאך ווערן א גרעסערע זאך.

און אט דא גייען ר"י ור"נ לשיטתם. אט דאס וואס ר' יוסי האט א הכרח אז ס'קאן זיין דורך דער הסכמה - דאס וואס לא מיחה - זאל זיך אויפטאן מעדער ווי ס'איז געווען ביי דער "ותדר נדר" געפינט ער דאס מערניט ווי ביי שמשון'ן.

וואס איז געווען ביי שמשון'ן? ביי שמשון'ן איז ניט געווען קיין ענין פון נזיר גמור. הולכין'וגומרים במלחמה, אט דאס איז ביי ר'יוסי ניטא, ס'איז ניטא קיין גמר. ער קאן מאכן מערער, ס'איז אבער ניטא קיין ראי' ערגעץ וואו אז ס'קאן זיין גדול העונה אמן יותר מן המברך ע"ד ווי גוליירין זיינען מערניט ווי מתחילים און ער זאל גומר זיין דער ענין כל הענין בכללות. ווארום אויב אזוי האט אייכעט געדארפט זיין (געקאנט זיין) ביי שמשון'ן ע"ד ווי אומעטום ביי נזיר אז ער זאל ווערן א נזיר גמור, און דאס האט ר"י קיין ראי' ניט. זאגט ער נאר אז "גדול העונה אמן יותר מן המברך", ע"ד ווי דאס איז געווען ביי נזיר שמשון וואס ביי אים איז געווען מער ווי דער מלאך האט אים געמאכט, דארט איז געווען מערניט ווי לאפרושי מטומאה, דער רמב"ם זאגט ניט אז דער מלאך האט אים <u>מזהיר</u> געווען מטומאה, ס'איז ניט א ענין של נזירות, דער מלאך איז געווען א ענין של פרישה, ווי רש"י טייטשט אפ "נזיר אלקים - פרוש", דערפון איז ארויס ביי שמשון'ן אז ער איז געווארן א נזיר, נאר וואס דען - איננו גמור.

קומט צו גייען ר' נהוראי און זאגט ניין, "השמים" דאס איז א ענין וואס דערגרייכט <u>ביז</u> <u>ביז</u> דער כוחות הכי גדולים, ביז כל הענין כולו, והראי', דאס איז פונקט דער זעלבער זאך ווי ביי מלחמה. וואס דער ענין ביי מלחמה? א מלחמה איז אז די חלושים - אויף מתחיל זיין די מלחמה קאן דאס זיין מיט א חלישות, אט דער וואס קומט לאחרי פתיחה

- המלחמה, האט -

המלחמה, האט ער בכח ניט נאר אויף ממשיך זיין דער מלחמה ביתר תוקף, נאר ער קאן די גומר זיין "ונוצחיך" - אז ער זאל ווערן א נזיר גמור. וואס עד"ז איז אויבעט ביי ברכה ווערט דער ענין פון גמרין דער מלחמה.

וואס דערפאר זאגט ער אויף דערויף אויבעט דער ענין פון "השמים", דער ענין פון א שבועה איז אז נשבעין לקיים את המצוה, איז ווי דער טעם אז בשעת ער ווערט האבן מערנים ווי אזוי דער קיום המצות, קאן זיין אז עס וועט זיין אז עס וועט זיין מניעות ועיכובים, ב

בשעת ער איז "נשבע לקיים את המצוה" כפשטות הענינים, האט ער אזא מין שטארקייט ביי זיך אז וואס עס זאלן ניט זיין פאר א מניעות ועיכובים מיט פיתויי היצר, וועט ער זיי אלע איבערקומען און וועט מקיים זיין די מצוה.

וואס דאס איז דער ענין, אז גמר כל הענינים, אראפגענומען אז קיין זאך זאל אים ניט קאנען מונע זיין אויף גומר זיין את כל הענין עד לתכליתו.

און אט דא ברענגט דער גמ' און איז מסיים אז ס'דא נאך א דריטע ענין וואס מ'האט דא. וואס דאס איז דער ענין פון ת"ח מרבים שלום בעולם.

וואס אין דערויף איז דא נאך א פלא, אומעטום וואו עס ווערט געבראכט אין ש"ס דער ענין פון "ת"ח מרבים שלום בעולם שנאמר וכל בניך לימודי הוי' ורב שלום בניך", איז ער מסיים אין ש"ס, וואס האט דאס פאר א שייכות צו ת"ח? "אל תקרי בניך אלא בוניך", אז ת"ח ווערן אנגערופן "בוניך".

אין נזיר איז ניטא דער סיום!

דער ב"ח איז דאס מוסיף אין די הגהות, אבער אין אלע דפוסים אומעטום איז דער גמ' מסיים "וכל בניך לימודי ה' ורב שלום בניך".

ממ"נ, אויב מען דארף האבן צו דער לימוד אז מען זאל וויסן זיין אז זיי זיינען מרבים שלום בעולם דארף מען דאך אומעטום מציין זיין, אויב דער סיום איז ניט נוגע צום לימוד, פארוואס איז אין ברכות ווערט יא געבראכט דער סיום. און אין תמיד וכיו"ב.

דא איז דער גמ' ניט אויסן ארויס ברענגען פון פסוק דעם לימוד עד לתכליתו אז ת"ח מרבים שלום בעולם, דא איז דער גמ' אויסן דער דיוק תלמידי חכמים.

לכאורה איז דא ניט פארשטאנדיק דער לשון תלמידי חכמים, ס'געדארפט שטייען חכמים?

דער דיוק אין דערויף איז אז כדי צו מרבה זיין שלום בעולם דארף האבן א תלמיד חכם. וואס איז דער חילוק פון חכם ביז תלמיד חכם? איז אט דאס איז ווי ס'ווערט אראפ געבראכט אין פוסקים דער חילוק אין שיטות הפוסקים, און דאס וואס דער גמ' זאגט אין סוטה, אז די וואס פסק'נען פון א משנה ווערן אנגערופן מבלי עולם.

וואס הייסט "מבלי עולם"? ניט נאר אז זיי דיינען ניט מחזק די וועלט, נאר "מבלי עולם" זיי מאכן נאך א שטערונג אין וועלט.

בשעת ס'איז דא מערניט ווי דער לימוד המשנה אליין וואס דאס איז (מדה ואינה מדה ?), איז דעמולט כפשוטו ווי דער פי' הפשוט אין מבלי עולם אזוי ווי ער זעט דער דין אין משנה, די טעמים בזה ווייס ער ניט, במילא קאן זיין ער זאל זיין מדמה מלתא למלתא און וועט אפטאן פארקערט ווי דער דין איז. כאטש דאס נעמט זיך פון דברי חכמים במשנתם. איז ניט נאר וועט ניט מכווין זיין, און ניט נאר ער וועט ניט מוסיף זיין בעולם, ער וועט נאך זיין "מבלי עולם". און ווי דער אלטער רבי איז מאריך אין קונטרס אחרון פון הל' ת"ת (וואס האט זיך איצטער אפגעדרוקט מחדש), מיט מ"מ וציונים די שיטות הפוסקים בזה, ווען מעג מען יא פסק'נען פון פסקי הלכות, און פארוואס פון משנה טאר מען ניט.

אט דא וואס דער גמ' וויל אראפ ברענגען |איז|, אז דוקא תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם. לכאורה איז ניט פארשטאנדיק, וויבאלד אז ער א תלמיד פון דער חכם, וואס שנו חכמים במשנתם ברוך שבחר בהם ובמשנתם, און ער איז מערניט ווי א תלמיד, ווי קאן זיין אז ער זאל אופטאן מער וויפל ס'טוט אויף דער חכם? זאגט מען נייך, אמר ר' אלעזר א"ר חנינא אז כדילהרבות שלום בעולם איז דאס דוקא תלמידי חכמים. דער לימוד פון'ם פסוק מיטן פסוק ווערן געבראכט כדי צו מסיים זיין מיט א פסוק, כדי צו מסיים זיין דעם ... , ווי אזוי אפצולערנען פון פסוק בדיוק שטייט אין ברכות ובכמה מקומות.

אט דאס וואס ס'איז דא נוגע צו די סוגיא, אז ס'קאן זיין אז העונה אמן איז יותר מהמברך, און זיין אז שמואל ע"י הסכמתו אויף חנה'ס נדר זאל אויפטאן מער ווי חנה, און ס'קאן זיין אז שמשון ע"י הסכמתו אויף פרישת המלאך זאל אויפטאן מער ווי דער מלאך, אויף דערויף דארף מען נאך האבן דער הוכחה אז תלמידי חכמים קאנען אויפטאן מער ווי די חכמים. און אויף דערויף דארף מען ניט מסיים זיין מיט "את בניך" , דאס קאן שוין זוכן אין מפרשים וואס האבן א קשר תלמידי חכמים מיטן פסוק.

דאס וואס האט א שייכות אהערצו, אז כדי להרבות שלום בעולם דארף ער טאקע זיין א תלמיד פון א חכם, און מוז אנקומען צום חכם, ע"ד ווי לולא ווען דער מלאך וואלט ניט מפריש געווען שמשון'ן מטומאה וואלט ניט געקומען דער גאנצער ענין פון נזיר אלוקים יהי' הנער, - נזיר שאינו גמור, אויב חנה וואלט ניט געמאכט דעם "ותדר נדר" וואלט שמואל אויך ניט געווען קיין נזיר, ער דארף דאס נעמען פון חכם,

לאחרי אבער ווי ער נעמט דאס פון חכם, אט דעמולט קאן ער אויפטאן מער ווי די חכמים במשנתם אליין, דערפאר וואס ווי זיי גיבן ארויס בלשון קצרה בלי טעמים, קאן ווערן דערפון אין וועלט א ענין פון "מבלי עולם", כאטש אפילו זיי במשנתם |איז| "ברוך שבחר בהם ובמשנתם" אבער ניט בעולם, בעולם דארף מען אנקומען צום תלמיד חכם,

און אטדאס איז דער המשך פון די אלע ענינים, וואס מ'זאגט אז נאך דערויף ווי דער משנה זאגט אז נזיר עולם הי' שמואל, און דערנאך ברענגט מען אראפ דער משנה פון ענין פון שמשון, ווערט דאך גלייך א שאלה - וואס די מפרשים פרעגן - ווי איז דאס גלייך דער גאנצער ענין פון נזירות ביי שמואל און ביי שמשון, זיי האבן דאך אויף זיך ניט גענומען? ברענגט מען אראפ אז עס איז דא נאך א דוגמא לזה בנוגע "העונה אמן" און בנוגע דער מברך, און דערנאך ברענגט מען אראפ אז דאס איז

דאך אלס אין ענינים פון הלכה,

דערנאך קומט דאס אזוי אויך אראפ למטה אין "בכל דרכיך דעהו" - אפילו אין עניני הרשות, איז ווערט דער "מרבים שלום בעולם בשעת מען האט דער לימוד ההלכה, איז נעמט מען דאס טאקע פון די חכמים, אבער מען נעמט דאס פאנאנדער אין אן אופן ווי תלמידי חכמים נעמען דאס פאנאנדער,

אט דעמולט איז ניט נאר מען איז שולל דער ענין פון "מבלי עולם", און ניט נאר מען איז ממשיך שלום בעולם, נאר ס'ווערט ע"ד ווי ר' נהוראי זאגט "השמים" אז דאס רערגרייכט ביז השמים, מערער ווי ר' יוסי וויל, נאר דא איז מען גומר די מלחמה, ניט די נזירות ווי ס'געווען ביי שמשון'ן וואס לא הי' נזיר גמור אפילו לדעת הרמב"ם, נאר א נזירות גמורה - מרבים שלום בעולם, שנאמר וכל בניך לימודי ה' ורב שלום בניך. לחיים.